נשלסק

מיכל 36
תיק 3

2. "נחלת נשלסק בתקומתה" חוברת הועידה של יוצאי נשלסק-בי
בישראל. 3.4.1956, 32 ע'

הרוב באנגלית. הרבה באידיש.
בעברית. ע' 24,25 ע"י מנחם צהבי מזכיר המועצה: ק' אונו סקירה על התפתחות
הישוב ותכניותיו לעתיד.

ע' 16 - מגילת היסוד לבנין ביה"כ. בית עם וגן ילדים 19.6.55
ע' 29,13 צילום הטקס
רישומים
מודעות אישיות.

ארכיון קריית אונו
מיכל 36 תיק 3 מעטפה 2
נרשם: [illegible]
נסרק:
נבדק:

מוסף 86
תיק 3
מע' 2

נחלת נשלסק בתקומתה




# נחלת נשלסק
# און אויפבוי

3.4.1956

אידיש, אנגלית, עברית (מעט)

# נחלת נשלסק בתקומתה

# ברכה לאורחים

בלבבות נפעמים מלאים שמחה אנו מקבלים היום את פניכם, אורחינו יוצאי נאשלסק מארצות-הברית.

אתם המשלחת הגדולה המתכנסת בארץ. תהיה לכם ההזדמנות לראות מקרוב את מפעל היצידה שנוצר כאן הודות למאמצכם, כספכם, יזמתכם, שהושקעו לטובת שרידי השואה שהשתרשו במדינת ישראל ימצאו בה מקלט בטוח.

בקורכם הוא בימים טרופים המאימים עלינו מלחמה, נגד תקוה אחרונה של עמנו. יהיה זה לעדוד לנו שתראו את מדינתנו בבניתה ואת שמחת היצירה שלנו, ותחזקו ידים רפות, ותהדקו ותקשרו את הקשר בינינו וביניכם. תשרור בועידתכם רוח טובה של עזרה, ואחוה לענין משותף לכל יוצאי נאשלסק, ולכל איש במדית ישראל.

ברוך בואכם!

משה בנדד
יו"ר ארגון יוצאי נשלסק



תל־אביב, כ"ב ניסן תשט"ז 3.4.1956 TEL-AVIV

**ישראל יאַנאָדאַ**

געווידמעט מיינע טייערע עלטערן, ברידער און און שוועסטער, וועלכע זענען אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע בעסטיעס.

# נ א ש ע ל ס ק

## די אַלטע היים:

ווי שניי־ווייסע טויבן פלאַטערן אין צאַפּלען מיינע עראינערונגען וועגן דיר, מיין היימאַטסשטעטל נאַשעלסק. קריסטאַל־ריין ווי די קינדהייט שווימסט דו אויף פאַר מיר אין שלייער פון פראַכט און חן.

אָט שטייען פאַר מיר דיינע גאַסן און געסלעך, אין וואָכנע פריילינגס טעג באַגאָסענע מיט זונען ליכט, פרייליכע און לוסטיגע, און אין די גרויע כמורנע האַרבס־טעג, ווען געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס האָבן באַדעקט דאָס שטעטל און דער בלייערנער הימל האָט געקאַפּעט מיט אַ קאַלט שפּיציג רעגענדל און אַנגעוואָרפן אומעט אויף קליין און גרויס.

נאָך נענטער און וואַרימער זענט איר מיר נאַשעלס־קער יידן, אונזערע ברידער און שוועסטער, די הייליגע מאַרטירער וואָס זענען מער ניטאָ.

איך זע אייך אַלעמען אין דעם פאַרב־רייכן בויגן פון שיכטן און קלאַסן.

יידן פון אַ גאַנץ יאָר, האָרעפּאַשניקעס, ערלעכע בעלי־מלאכות, שוסטער און שניידער, קאָוואַלעס און סטאלמאַכעס, יידן פון גראָע אַרבייטסטעג וואָס פאַנגט זיך אָן מיט זונען אויפגאַנג און ענדיקט זיך שפּעט און אָוונט מיט אַ מנחה ומעריב איבערייס אין שטאָטישן בית־המדרש.

ווו זענט איר? ווו איז אייער געביין אומגעקומען, ווו זענען אייערע גראָע פּראָסטע אַרבייטס־טעג, און די פרייליכע פרייטיק־צונאַכטן, און שבת'דיקע נאָכמיטאָגס, אויסגערוטע און אויסגעשלאָפענע, אויסגעפּוצטע אין די שבת יום־טובדיקע מלבושים, אין מיט ווייב און קינד אין שפּאַציר זיך געלאָזט.

און איר נאַשעלסקער תלמידי־חכמים, סוחרים אין תורה לערנערס, חסידים מיט הויכע שטערנס, גערער, אָטוואָצקער, ראַדזימינער, נתן נחום, שלמה זלמן קצינסקי, יוסיל קראַווייצקי, איטשע האָרוויץ, יוסיל אַלטערילס, שאַרפע ברענענדיקע חסידישע יונגעלייט, שטובלזיצערס, קעסט־עסערס, שאַרפע קעפּ, בלאַסע פּנימער, איינגעבויגענע רוקנס. אַ גאַנצן טאָג ווי שקלאַפן, צום קרעמל, צום שענקל און צום תבואה שפּייכלער, אָדער אין אָוונט אין די שטיבלעך ביי אַ דף יומי, עס קלינגט דער אָמר אַביי, אָמר רבאָ. מען גריבלט זיך איבער אַ האַרבע סוגיאָ, און נאָך שחרית אַ לחיים, 95% שפּירטעס מיט צובייסעכץ פון אַ יאָרצייט אָדער סתם אַ חסידיש שמחה'לע, מען ווינשט זיך ווי נאָר יידן קענען ווינשן.

ווי היינט געדענק איך די דאָנערשטיקע ווינטער נעכט אין גערער שטיבל ביי אברהם רויטקאָפּ. דער קאָכעלנער אויוון הייס, די האַנט נישט צוצורירן, אין דרויסן אַ שניי־זאַווערוכע, די פענסטער באַדעקט מיט פראָסט בלומעלעך, ביי די טישן יונגעלייט און זקנים, מ'שאָקעלט זיך הייס און די קולות טראָגן זיך איבער די שטיל שניי באַדעקטע גאַסן, עטליכע אַלטע חסידים מיט מאָטעלע זלאָטשעווסקי בראש. דערציילן זיך רבישע מעשיות ווו דער נסתר איז מער ווי דער נגלה און מען פאַרבראָקט מיט שיחת־חולין פּאָליטיק, אַנטעסעמיטן, שטייערן, אין וועגן שלעכטע צייטן וואָס רוקן זיך אָן, און צו פערטרייבן די שלעכטע מחשבות וואַרפט מען זיך אין לערנען מיט מער התלהבות און מיט גלויבן דאָס זיין ליבן נאָמען וועט נישט פאַרלאָזן דאָס שעפעלע צווישן די וועלף.

אַזוי לעבט זיך ווינטער, און זומער, אין די הייסע טעג, אין די שטיבלעך הייס דושנע, כאַפּט מען זיך אַרויס הינטערן בית־המדרש, לעבן „שאַכאַראַסקעס" פעלדער וואָס ציהען זיך ווייט אַוועק נאָכן טייכל. נאָך די וואַסערמיל, אַ מחיה'דיק ווינטל בלאָזט און פרישט אָפּ דאָס צעהיצטע לייב, שפּילט זיך מעט באָרד און פּיאות, קיצלט אין די נאָז, מען זינדיקט אונטער מיט אַ עבירה'לע פון „מה נאה ניר זה..." און מיט אַ הודיה צו זיין הייליקן נאָמען פאַר די שיינע וועלט וואָס ער האָט באַשאַפן. מען זעצט זיך אויפן גראָז און מען כאַפּט אַ דרימל אויף די ווייכע לאָנקע, ווי עס פאַשן זיך בעל־עגלישע פערד לעבן זייערע כראָפּענדיקע בעלי־בתים. דאָ ליגן אויך די וואַנדערדיקע קבצנים, ציילן די גראָשנס וואָס זיי האָבן „געמאַכט" און קוקן דורך זייערע געלאַטעטע שווייסיגע העמדער. דאָ קען מען אויך טרעפן די וואַסער־טרעגערס פאַריכטן זייערע „פּידעס". דער אַלטער מרדכי־ליב, אַ וואַסער טרעגער, אַ למד־וואָווניק, וואָס האָט געוווינט אין „דז'אַבע"־געסל ביי יידל יאַגאָדאַ אויף אַ בוידעם שטיבל.

אַ קליין יידעלע מיט אַ קליין גרוי בערדל פלעגט גאַנצע טעג טראָגן וואַסער און זאָגן תהילים, דער „נאַשעלסקער תהילים ייד" וואָס פלעגט לעבן פון תהילים און פון וואַסער טראָגן פאַר די נאָשעלסקער באַלעבאָסטעס.

דאָ ליגט אויך יעקל לאַפּער, אַ נאָווידוואָרער אָרימער יונג וואָס האָט חתונה געהאַט מיט לאה די יתומה, אַ מויד מיט רויטע אויגן וואָס טרערן שטענדיק. אַ פּאָרל פון „פּישקע דער קרימער", ער אַ וואַסער טרעגער, און זי פלעגט יעדן דאָנערשטיק גיין איבער די הייזער זאַמלען גראָשנס אויף שבת.

אַזוי לעבט דאָס שטעטל, דערווייל וואַקסט אונטער אַ יונגער דור, עס ווערט ענג די אַלטע היים מיט אירע אַלטע באַגריפן, אַ ווייכער טראָגט זיך דורך און צעטרייסלט לאַנג יאָריגע איינגעוואָרצעלטע טראַדיציעס און זייעט חורבן אין היימיש אויסגעוואַרעמטע נעסטן, אין יעדן הויז, אין יעדער שטוב גייט דער קאַמף צווישן אַלט און יונג, מען רייסט זיך צו די ברייט ווייטע וועלט, נייע גלויבנס, נייע לידער, נייע טרוימען, מען חלום'ט וועגן אַ אויסגעבענקטן „קיינעמס לאַנד", „בעל־הבית'ישע" קינדער ווערן האַלוץ־העקערס, חלוצים, מען פאָרט אויף הכשרה, מען וויל פאָרן נאָך ארץ־ישראל, ווערן פּויערן אָדער אַרבייטער, שאַפן אַ ניי מענש, עס קראַכט די וועלט פון נעכטן. וואָס וועט מיט זיך ברענגען דער מאָרגן??

אויפן האָריזאָנט שוואַרץ פינסטערע וואָלקנס, דאָס האָרסט־וועסל ליד קלינגט איבער איראָפּע, יונקערישע שטיוול מאַרשירן צום טאַקט, יידישע קעפּ ווערן געשפּאָלטן, סטודענטן מיט גרינע היטלעך „פּיקעטירן יידישע געשעפטן — קויפט נישט ביי יידן!!! יידן נאָך פּאַלעסטינאָ!! „ווען דאָס יידן בלוט פון מעסער טריפט"...

עס ברענט דער באָדן אונטער די פיס, מיט שרעק ערוואַרט מען דעם מאָרגן, מלחמה שטימונג, פּולווער אָין די לופט, ערב מלחמה, נאַשעלסק אויפן שוועל פון שפּעט זומער 1939.

## חורבן:

פון שטאָל און אייזן, קאַלט, האַרט און
שטום שמידט אויס אַ האַרץ פאַר זיך,
דו מענש — און קום, קום גיי אין שחיטה
שטאָט. ח.נ. ביאַליק

שטאָל בלייענע פויגל טראָגן זיך איבער פּויליש שטעט און שטעטלעך און זייען טויט און פערניכטונג. היטלעריסטישע חיה'שע האָרדעס מאַרשירן פאָרויס איבער פּוילישע ערד און וואַרפן אָן אַ פּחד און טויט אויף די יידישע באַפעלקערונג, גרויי שווערער הערבסט האָט זיך צולייגט אויך איבער נאַשעלסק.

אין אַ גרויען חשון־טאָג געטריבענע צו אומבאַקאַנטן מאָרגן. עטליכע אָרימע פּעקלעך אויף די פּלייצע, איבערלאָזנדיק האָב און גוטס, אַ ירושה פון דורות. שלעפּן אונזערע פאָטערס, מוטערס, קינד און אַלט זייערע פיס איבער דעם שלעכט ברוקירטן וועג צו די באַן־סטאַציע,

אונטערגעטריבן דורך די נאַצישע נאַגייקעס.

די גאַנצע קהילה קדושה מיט בליקן פון צום טויט פעראורטיילטע און אויף זייערע בלאַסע ליפּן די אַלטע פראַגע שומר מה מלילה, שומר מה מליל? וואָס וועט מיט זיך ברענגען די שוואַרצע נאַכט, די באַרטעלאָמעאוס נאַכט, די נאַכט פון לאַנגן מעסער?? דער ענטפער איז געגעבן געוואָרן אין די גאַז קאַמערן פון מיידאַנעק, טרעבלינקע, געטאָ מעזריטש און אונטער די מויערן פון וואַרשעווער־געטאָ אויפשטאַנד.

די וועלט אַ בלוטיג קנאַל. מיליאָנען יונגע מענטשן מאָרדן איינער דעם צווייטן, דער טייוולאַנישער אַפּגאָט פון קריג צובלאָזט זיין פייער איבער אַלע וועלט קאָנטינענטן, אַ רעגן פון בלוט און טרערן, יידיש פאָלק ליגט פאַרברענט ביי די טויערן פון וועלט גיהינום. און ווען שׂפרית בלאָזן און זאָגן אָן אַ נצחון, ליגן מיר געקוילעטע און פאַרברענטע, און אונזער אַש צוזייט און צושפּרייט איבער אייראָפּעאישע וועגן און פלאַנען.

פוילן נאָכן קריג. הייפלעך צוריקגעקומענע, ווער פון די ברייטע רוסישע סטעפּעס, פון סיביר אין וואָלגע ברעגן, אָדער קאַווקאַז און מיטל־אַזיען, עס קומען פאַרטיזאַנען פון די וועלדער, סאָלדאַטן פון די קעמפּענדיקע אַרמייען, אויך יחידים גערעטעוועטע פון די טויט לאַגערן, אַ הייפל יתומים „איינער פון אַ גאַס, צוויי פון אַ שטאָט", מען זוכט אַ ברודער, אַ שוועסטער, עס בענקט זיך נאָך יידן, נאָך יידיש וואָרט, און אין פוילן בושעוועט אַ מאָרד־כוואַליע, דער בלוט־דאָרשטיקע „דראַקאָן" האָט נאָך ווייניק בלויט געזויפּט, און כאַפּט נאָך אין זיינע לאַפּעס נייע קרבנות. מען מאָרדעט יידן אין שטוב און אין גאַס, אין באַן פאָרנדיק און אין בעט שלאָפנדיק, מען שחט יידן אין קעלץ, לובלין, קראַקאָוו. עס לאָקערט דער טויט פון אַלע זייטן. מען לויפט ווי פון אַ גיהנום, איבער גרענצן, בערג און טייכן, אַוועק פון די בלוטיקע ערד.

ווי קען איך אַוועק און דיר מיין היימאַטס וויג ניט זען? אַ לעצטן בליק אויף דיר נאַשעלסק וואַרפן, זען דיין אומעט און טרויער, ווי דו לעבסט „באַשעלסק אָן יידן!!" צו קען אַזעלכעס זיין? אַ טיפער באַגער צו זען דאָס שטעטל האָט זיך אין מיר צופלאַקערט, און טראָץ די סכנות פון טויט בין איך צו די באַן סטאַנציע אַוועק, אַריין אין באַן נאָך נאַשעלסק.

זיץ איך ביים באַן פענסטער איינגעטאָן אין זיך און מיין האַרץ קלאַפּט האַסטיג מיטן ריטם פון די קלאַפּענדע רעדער. אין דרויסן פוילישער פרילינג, אַלץ בליט און גרינט, אויף די אַקאַציע ביימער שפּרינגען פויגל מיט פיל פאַרביגע פליגל, שווישטשען און זינגען, די זון אַ וואַרימע גלעט און שמייכלט. קוק! ווי שיין די וועלט איז. פאַר מיינע אויגן שוועבט דורך ביאַליק׳ס „שחיטה־שטאָט".

גאָט האָט דיר מיט אַ גאָלדענער האַנט
געשענקט אַ צווילינג:

אַ שחיטה מיט אַ פרילינג:
דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן
און דער שוחט האָט געשאָכטן,
דער חלף האָט געגלאַנצט, און פון דער וואַנט
האָט בלוט מיט גאָלד געפליסט.

אַרום מיר שפּיצענדיקע בליקן פול מיט וווּנדער, אַ ייד?! ווי קומט ער דאָ אַהער? דער שפּאָט פון גורל: ווי קומט אַ ייד אין אַ באַן וואָס גייט נאָך נאַשעלסק?!!

די באַן דערנענטערט זיך צו נאָווידוואָר, די בריק איבערן נאַרעוו צושעדיקט, די שטאָלענע פילאַרן אין וואַסער. די באַן גייט דורך אויף אַ הילצערנע שאָקלדיקע בריק. אין שטאָט — קוימענס, פאַרברענטע הייזער, רואינען אויף טריט און שריט. די באַן בלייבט שטיין, אַ כאַפּטע פויערטעס מיט ווייס זומערדיקע טיכלעך אויף די קעפּ, באַהאַנגען מיט קוישן הינער, פרוכטן און גרינצייג, פרייליכע, לאַכעדיקע און צופרידענע, ווי עס וואָלט קיין חורבן נישט געווען. מיט אונגעדולד און פיבער, ווי אַ געפירטער צו די תליה קלאַפּט מיין האַרץ אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און די באַן ווי אַ טייוול לויפט און שלינגט איין מרחקים, דאָרפישע כאַטעס, צובראָכענע פאַרקאַנס, טעלעפאָן סלופּן. פון דערווייטנס מערקט זיך שוין די נאַשעלסקער



באַן סטאַנציע. נאַשעלסק!!! שרייט אויס מיט אַ הייזעריקע שטימע דער קאָנדוקטאָר.

מיין קאָפּ לער ווי נאָך אַ שווערער קראַנקהייט, מיט וואַקלדיקע טריט גיי איך אַראָפּ פון די באַן ווי פאַראַליזירט. נאַשעלסק! ווי אַ בליץ האָט זיך מיין קינדהייט און יוגנט דורכגעטראָגן אין גאַלאָפּ פאַר מיינע אויגן. אַלעס וואָס האָט געאָטעמט און געלעבט, מיין היים, מיין פאָטער און מוטער, מיין אַלטער זיידע גרשון, דאָס חדר, די שול, אַלץ איז לעבעדיק געשטאַנען פאַר מיר. אַ פּאָטאָמאָנטאַזש פון 20 יאָר לעבן האָבן זיך אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן פאַר מיינע אויגן.

דו פאָרסט אין שטאָט אַריין? האָט מיך אי־בערגעוועקט אַ קול, און לעבן מיר איז געשטאַנען איין אַלטער לאָמער גוי מיט אַ בייטש אין האַנט, איך האָב ענטפערן נישט געקענט און שטילע טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער מיינע באַקן.

דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען מיין איבער־לעבונג, אַ שפּיי געטאָן, באַגלייט מיט אַ קללה „פּשאַ־קרעוו", די נימצעס האָבן גוט געמאַכט פון די וועלט, אויך ביי מיר אַ זון געפאַלן אין אויפשטאַנד. אַרום אַ שטילקייט פון אַ בית־הקברות. צוויי אַלטע דראָשקעס שטייען און וואַרטן אויף אַ פּאַסאַזשיר, מען פאָרט נישט, מען רייזט נישט. ווי זענט איר, נאַשעלסקער יידישע דראָשקאַזשעס? מלך שוויצער, נפתלי, רער אַלטער ברעז, מענדל לאַפּקעלעס. איר מיט אייערע פּראָסטע פרייליכע רייד און געזונטן געלעכטער, אייער געזאַנג, אַ יידיש פאָלקס ליד אָדער אַ שטיקל חזנות פון אַ ימים־נוראים׳דיקע תפילה ביים אונטערטרייבן אייער שנעל לויפנדע פערד?

ווו זענט איר, איר וואָס פאַר אייך האָבן די שטאַרקסטע גויים מורא געהאַט, צו זענט איר אויך געגאַנגען צו די שחיטה אָן ווידערשטאַנד?

די דראָשקע שלעפּט זיך איבערן שלעכט ברוקירטן וועג, טרייסלט די ביינער אַרויס, איך שלינג מיט די אויגן איין יעדע כאַטע, יעדן אַלט באַקאַנטן בוים אין וועג, איך בין שוין ביים „געמויערטן צלם", ער זעט אויס אָפּגעשאָסן, איינגעזונקען, זעט אויס דאָס אויך ער האָט קיין האַניג געלעקט אין די מלחמה יאָרן. עס זעט זיך שוין דער „זדרוי" און פון דערווייטנס די קאָנטורן פון שטאָטישע הייזער.

אין שטעטל פאָכעט נאָך דער טויט און שוועבט אַרום מיט שוואַרצע קאַלטע פליגל, די גאַסן ליידיק ווי אַ בית־הקברות, די הייזער שטומע, אויסגעלאָשענע אויגן אַזוי זעט זי אויס נאַשעלסק אָן יידן. איך גיי אַראָפּ עס ווילט זיך מיר גיין צו פוס איך גיי אויף די וואַרשעווער גאַס איך גיי דורך פּערלמוטערס הויז דאָ האָט געוווינט אַ גאַנצע פאַמיליע, ברידער און שוועסטער, אויך דער מרא דאַתרא פון נאַשעלסק האָט דאָ געוווינט, אין הויז פיל אויס־געהאַקטע שויבן, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. אַנטקעגן איבער איז אברהם צ׳אַרקעס הויז דאָרט האָט געוווינט לייזער וואַנס, ווי מען האָט אים גערופן „לייזער פעלדשער". עס הענגט אַ שילדל „פריזיער", דאָס געשעפט אַרבייט, מען האָט נאָר געביטן די בעלי־בתים.

אין נאַשעלסק אויף די גאַס קוקט מען מיר נאָך מיט פערווּנדערונג ווי איך וואָלט געווען אַ מענטש פון אַ צווייטע פּלאַנעטע, זיי דערקענען מיר „סין קוואַשניקאַ", לאָזן אַראָפּ די אויגן, איז זיי אַביסל נישט אַנגענעם, אויך זיי האָבן געהאָט אַ חלק אין מאָרד און רויב.

איך דערנענטער זיך צום מאַרק, איך דערמאָן זיך, עס איז היינט פרייטיק, דער זייגער איז 12, אין נאַשעלסקער מאַרק, נישטאָ קיין מאַרק, נישטאָ קיין האַנדל, אַמאָל האָט דאָ גערוישט און געברויזט, פויערן פון די אַרומיגע דערפער האָבן מיט זייערע וועגענער פערפּילט דעם מאַרק, און אין די געוועלבער איז דער האַנדל געגאַנגען אין פולן ברען, און אין די שפּייז און אייזן קראָמען, ביי די שניידער און שוסטער געשעטלן, מלבושים און שוכוואַרג, דער ריח פון פויערישע פעלצלעך און פריש געשניטענע היי האָט זיך אויסגעמישט מיט די ריחות פון שבת׳־דיקע פריש געפילטע פיש און חלות. נאַשעל־סקער זקנים האָבן זיך געגרייט אין מקוה אַריין און די יינגלעך האָבן פאַרענדיקט דעם חדר, און פרייליכע זענען זיי געשפּרונגען צווישן די פערד און וועגענער. היינט איז קיין זכר פער־

געוואָרן, האָבן מיר גלייך דערפילט די זאָרגעוו־דיקע האַנט פון אונזערע געטרייע ברידער, וואָס האָט געטראָגן הילף, טרייסט און האָפענונג. דאָס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט שטאָלץ דערמאָנענ־דיק זיך די הילף פאַר די געראַטעוועטע פון די לאַגערן, פאַר די געקומענע פון רוסלאַנד. ווידער האָט זיך באַנייט און פאַרפעסטיקט די צוגע־בונדקייט מיט פריינד, משפחה, מיט היימישע פון שטעטל. ביז טרערן ווערט מען גערירט ווען כ׳דערמאָן זיך די ליבע און האַרציקייט וואָס איז

דורך טויזנטער קאַנאַלן, מלוכה׳שע, הסתדרותי־שע, פּריוואַטע און נישט דאָס לעצטע אָרט פאַרנעמט די הילף אין דער פאָרם פון לאַנדס־מאַנשאַפטן. לאָמיר דאָ פאַרצייכענען צום לויב און דאַנקבאַרקייט פאַר אונזערע געטרייע פריינד פון נאַשעלסק: די גרעסערע פאַרבינדונג שאַפט זיך, ווען די פריינד בענדעט, קאָרן א.א. באַזוכן דאָס ערשטע מאָל ישראל. דאַן ווערט געבוירן דער געניאַלער געדאַנק פון בנימין בענדעט, צו בויען אַ היים פאַר די על פי נס לעבן



געפלאָסן אין די בריוו פון די נאַשעלסקער פריינד אין די יאָרן 47—46 וואָס מיר די אָפּגע־ריסענע פון דער גאַנצער וועלט איינזאַמע און עלנטע פלעגן דערהאַלטן קיין פוילן. איך פערזענליך וועל דאָס גאַנצע לעבן נישט פאַרגעסן די טיפע איבערלעבונג וואָס כ׳האָב געפילט ווען כ׳האָב דערהאַלטן די ערשטע בריוו פול מיט חשבון הנפש און טרייסט פון די משפחות קאָהן און זייאָנץ. ווי גלעטענדיקע הענט פון געטרייע עלטערן האָבן זיי געווירקט אויף מיין צעווייטיקט געמיט.

און ווייטער, די גרעסטע און דערהויבנסטע טאַט פון אונזערע געטרייע פריינד פאַר דער אַנטשטייאונג און אויפבוי פון מדינת ישראל, ווי אַ ווולקאַן וואָס רייסט זיך דורך אַלע שטערונגען. שטראָמט די ליבע און די הילף

געבליבענע רעשטלעך פון אונזער אַמאָליק נאַשעלסק, אַזוי אַרום געבן אַ מעגליכקייט פאַר קאָנצענטרירטער ווידער אויפלעבונג אויף דער ישראל־ערד פאַר דעם וואָס איז אַזוי ברוטאַל דאָרט אויסגעראָטן געוואָרן...

ווי איר זעט איז עס נישט קיין פאַנטאַזיע, דער געדאַנק האָט זיך אָנגעטאָן בלוט און פלייש. אונזערע אַמעריקאַנער פריינד האָבן זיך אַריינ־געוואָרפן אין דער אַרבעט מיט האַרץ און איבערגעגעבנקייט. ס׳איז פאַר זיי געוואָרן אַ לעבנס־ציל דעם פּראָיעקט דורכצופירן. יעדער געשעעניש אין זייער פּריוואַט לעבן איז פאַר־בונדן מיט הילף פאַר די נאַשעלסקער. יעדער באַגעגעניש. יעדער שמחה ווערט אויסגענוצט פאַר דעם צוועק. זיי לעבן און אָטעמען מיט

(סוף אויף זייט 12)



מרדכי ווילנצ׳ינסקי

# קינדער אין נחלת נשלסק (קרית אונו)

קינדער דאָס איז נישט עפּעס אַ אַבסטראַקטער אויסדרוק, דאָס איז די שטרעבונג צו האָבן נחת פון קינדער. מיט גליקליכע הערצער קוקן די עלטערן אויף זייערע קינדער אין נחלת־נשלסק: פריילִיכע, וויכטיקע, שטאָלצע בירגער פון אונזער מדינה.

נישט אַלע נאַשעלסקער קינדער האָבן זוכה געווען צו די פרייד. אויך נישט אַלע עלטערן פון אַלטן נאַשעלסק האָבן דערלעבט די גליק־

האָבן מיר זייענדיק אין די אַלטע היים אויך גערעדט מיט די שפּראַך?! האָבן מיר געזאָגט „אונזער שולע״? האָט דאָס געקענט זיין אונ־זערס? ווי מ׳האָט געכאַפּט קלעפּ? האָבן מיר אויך אַזוי פריי געלאַכט און געזונגען ווי עס טוען די קינדערלאַך פון נחלת־נשלסק??

אָט אַ קינד פון אַ יאָר 10, אַ מיידעלע „ג׳ינג׳י״, הילה הייסט זי, קוקט ווי זי מאַכט די איבונגען פון גימנאַסטיק ווי זי וויל, אין



ליכע צייט אַז זייערע קינדער זאָלן זיך קאָנען שפּילן פריי, אין זייער אייגן לאַנד.

קוקט אייך צו, צו די קינדערלעך פון נחלת נשלסק אין קרית אונו. הערט אייך צו ווי זיי רעדן מיט די שפּראַך פון אונזערס: אונזער שולע, אונזער גן־ילדים, אונזער קולנוע (קינאָ), אונזער לאַנד.

שטוב, אויף דער גאַס, שפּאַצירענדיק מיט טאַטע־מאַמע אַ שטעל זיך אויף די צווייי הענטלעך און פערוואַרפט די צווייי פיסעלעך אין די לופטן, די עלטערן קוועלן פון נחת. „אַזוי ענטוויקלט זיך אַ געזונטער קערפּער״ זאָגט די „ג׳ינג׳י״, זי איז נישט געבוירן אין לאַנד אָבער דאָס קאָן מען נישט זאָגן, זי איז אַ גאַנצע

סאַברע. „דאָס איז מיין היים" וויזט מיט אירע הענטעלעך אויף דעם ברייטן באַוווינטן ישוב, וועלכע איז אין גאַנצן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געווען אַ פערלאָזטער פרדס.

אָט הושדעווען זיך קינדערלעך אויף דער הושדאָווקע און זייער גליקליך געלעכטער צעגיסט זיך אין די לופט. אַלץ ווייסן זיי די קליינוואַרג, קענען זיין אינזשיניערן, קאָמאַנ־דירן, פּאָליטיקער, גאַנצע ספּעצן, יעדער פון זיי איז אַ „מפקד", דאָ און דאָרט שפּאַצירן זיי אין רייען אַזוי ווי זעלנער און פירן קריג און פאַרשטענדליך מען זיגט. „אנחנו נצחנו את האויב". נאָר דער 6־יאָריקער אַריה איז אַ געענדיקטער גנן (גערטנער). ער צעאַקערט די ערד ווייל דער אַבאַ איז מיד, העלפט ער אים אַרויס מאַכן דעם גאָרטן, שוואַרץ ווי אַ נעגער, צו פון דער זון אָדער פון דער ערד וועלכע ער גלייכט מיט די הענטלעך און צייכנט ווו צו פלאַנצן ט"ו בשבט די ביימעלעך.

גליקלעך איז דאָס פאָלק וועלכע איז בעשאָנקן מיט אַזעלכע שטאָלצע קינדערלעך.

דאָ פאַר דעם הויז פון גן וועלכער ווערט געבויט שפּילן זיך די קאַנדידאַטן צום גן. מ'טראָגט ציגל, קאַלך, די געקרייזלטע קעפּעלעך זענען פול מיט זאַמד, מען בויט, קליינע בנאים מיט שמייכעלדיקע פּנימלעך.

ווייסט איר וואָס מ'בויט דאָ? כן! יודעים אנחנו! ענטפערן זיי שטאָלץ „בשבילנו גן ילדים" — פאַר אונז אַ הויז.

זיי האָבן שוין געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן. דאָרט, וויזט מיר יוסי, וועט זיין די נדנדה, און אַיס מרים די ווייסינקע, וועלן מיר מאַכן אָט קעגנאיבער די סוסים, און די מגלשה, שרייט דאָ — במקום הזה — מיט איר פאַרשלאָג זענען די איבריקע ניט מסכים און זיי זעצן פאָר דעם ויכוח אָן מיר, ווייל איך בין נייגעריק אָנצוקוקן די גאָר קליינטשינקע קינדער אין די וועגעלעך, וועלכע די מוטערס גייען מיט זיי שפּאַצירן, אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף די נאָר וואָס געבוי־רענע „סאַברעס", קוקנדיק אויף זיי און אויף די וועלכע וועלן אין קורצן געבוירן ווערן, זע איך שוין ווי דער גן ילדים איז צו קליין געבויט. נאָר נישט געזאָרגט! ס'איז דאָ גענוג פּלאַץ ביי דעם שיכון נחלת־נשלסק, און דערווייל כן ירבו!

צו אונזער טייערן פריינד
**הער ווייסמאַן און פרוי**
פון לאָס־אַנדזשעלעס

אונ צו אונזער ליבן פעטער
**אברהם יאגאדא און פאמיליע**
פון ניו־יאָרק

די הארציקסטע גריסן פון די פאמיליע

**יאגאדא** פון תל־אביב

(סוף פון זייט 10)

דער אַמעריקאַנער קולטור און ווייסן וועגן נאַשעלסק נאָר פון דעם וואָס די עלטערן האָבן זיי דערציילט, זענען אויך געטריי מיטבאַטיי־ליקט אין דער אַרבעט. און אָט זען מיר, דער גרעסטער טייל פון פּראָיעקט איז שוין אַ לעב־עדיקער פאַקט, איצט שטייען מיר פאַר אַ נייער פּרעכטיקער דערגרייכונג פון באַנייען די גע־זעלשאַפטליכע בנינים. וואָס וועט נאָך מער העלפן צו דערמונטערן די געמיינזאַמקייט פון אַלע נאַשעלסקער אויףביידע זייטן ים. מיר ווינשן אַלע מיטבאַטייליקטע אין די אַרבעטן ביז איצט, זיך נישט באַנוגענען מיט דעם דערגרייכטן, נאָר ווייטער מיט גלויבן, אינציאַ־טיוו און מוט גיין צו ווייטערדיקע דערגרייכונ־גען.

כ'גלויב און האָף אַז די „אַל אַמעריקאַנער קאָנפרענץ פון נאַשעלסקער" וואָס קומט פאָר דאָס מאָל ביי אונז אין לאַנד, וועט זיין אַ סטימול פאַר נייע דערפאָלגן. דערמיט באַגריסן מיר זיי פון טיפסטן האַר—צן. זייט מצליח!



# פין פראטעקאל

פערצייכענט דורך משה פינקלשטיין

## פייערונג פון לייגן דעם גרונדשטיין צו די הייזער פון בית-הכנסת, גן ילדים און בית העם אין שיכון נחלת נשלסק אין קרית-אונו.




פאַראַן מאָמענטן, ווען פאַר דיינע אויגן ווערן פאַרווירקליכט טרוימען און עס ווערט געשאַפן היסטאָריע. יאָ איין מאָמענט איז געווען די פייערונג פון לייגן דעם גרונדשטיין צו די הייזער פון בית־הכנסת, גן ילדים און בית־העם אין שיכון נחלת־נשלסק אין קרית־אונו.

א קליינער טייל גראַטעוועטע פון קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן און גאַז־אויוונס נאַשעלסקער יידן האָבן, אַדאַנק דער הילף פון די נאַשעלס־קער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, זיך געשאַפן אַ אייגן ווינקל, אַ קליין נאַשעלסק, וועלכעס באַשטייט פון זעכצן קלאָר־ווייסע שיינע הייזער, וועלכע שטאַרצן אַרויס פון דער ארץ־ישראל־דיקער ערד, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „מיר זיינען דאָ אויף להכעיס די, וועלכע האָבן געוואָלט אונז אומברענגען און אויף צופּיקעניש די, וועלכע ווילן נאָך היינט נישט שלום מאַכן מיט אונזער עקזיסטענץ און ווילן אונז אין ים אַריינוואַרפן.

נאָר צוויי יאָר זיינען אַריבער, ווי עס איז געפייערט געוואָרן דער חנוכת הבית פון שיכון, און נאָך זיינען די הייזער רעכט נישט געענדיקט — אָט גייט מען בויען נייע קאַנאַ־ליזאַציע־גריבער, ווייל די צייטווייליקע קליינע גריבער, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן ביים בויען דעם שיכון, גייען שוין איבער; אָט רעדט מען וועגן בויען טעראַסן, וועלכע זיינען צוליב געוויסע סיבות נישט געבויט געוואָרן

צוזאמען מיט די הייזער, — און שוין ווערט געפייערט דאס לייגן דעם גרונדשטיין צו די קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען נויטיק פאר דעם קולטורעלן אויסלעבן זיך פון דער באפעלקערונג, און דאס ווידער אדאנק דער איניציאטיוו און פינאנסיעלער הילף פון די נאַשעלסקער לאַנדסלייט אין אַמעריקאַ.

שוין פון גאַנץ פרי אָן איז אַ באַוועגונג אין שיכון, עס קומען אייניקע חברים פון ועד, צווישן זיי דער פרעזעס הער בענדעט משה, זיך אינטערעסירן און קאנטראלירן, צו די פארבערייטונגען ווערן ריכטיק געמאכט.

עס קומען אויטאס מיט בענק און טישן, קאלטע געטראנקען און ווייַנען, עס הערט זיך דאס קלאפן פון די ארבעטער, וועלכע זיינען געשיקט געווארן פון חברת „רסקו” אויפצושטעלן די בינע פאר דעם פרעזידיום.

דער ראדיא־מאנטער פרוווט אויס זיינע כלים, און עס הערן זיך די טאנען פון „התקוה” און אנדערע נאציאנאלע ארץ־ישראלדיקע לידער.

אָט באַמערקט ווער, אז דער טראנספארענט איז נישט ווי געהעריק רעדאגירט געווארן, און ער ווערט שנעל ארונטערגענומען, און איינע פון די מיטגלידער פון פרויען־קאמיטעט שטייט מיט פארב און פענזל, מעקט, צייכנט און שמירט. די פארבערייטונגען זיינען נאך אין פולן טעמפאָ און אָט הויבן אָן אָנקומען די איינגעלאדענע געסט. עס זעען זיך יידן פון פארשידענע שיכטן און רייען, יידן מיט שניי־ווייסע בערד, אנגעשפארט אויף זייערע שטעקנס, וועלכע נאר א פייערונג פון לייגן א גרונטשטיין צו א שול האט זיי געקענט באוועגן זיך ארויסצורייסן פון זייערע היימען און, נישט קוקנדיק אויף דעם הייסן יוני־טאג, זיך צו שטופן אין די געפאקטע אויטאבוסן און קומען בייזיין די היסטארישע פייערונג. עס זעען זיך מענטשן פארהארעוועטע, אויף וועלכע עס איז קענטיק, אז נאך מיט א קורצער ווײַלע צוריק זיינען זיי געשטאנען ביי דער מאשין אין פאבריק, אָדער ביי דער בוי־ארבעט. עס הויבן אָן אָנקומען פארשטייער פון אינסטיטוציעס, לאנדסמאנשאפט־פאראייניקונגען א.א.וו. אָט קומט אָן דער ה׳ בן־דעת בנימין און זיין פרוי פרידא, און ווי נאנטע משפחה־מיטגלידער ווערן זיי אויפגענומען דורך די איינוווינער פון שיכון. יעדער איינער האָט זיי עפעס אנדערש צו דערציילן און פרעגן, און יעדער באמיט זיך, אז כאטש אויף א ווײַלע זאלן די חשובע געסט ווײַלן ביי זיי אין צימער און „כאטש עפעס טרינקען”. עס קומען אָן פארשטייער פון חברת „רסקו”, צווישן זיי דער חבר הכנסת „ד״ר פרדר, וועלכער נישט קוקנדיק אויף דעם הייסן וואלן־סעזאן וואס הערשט אין לאנד און די וואל־קאמפאניע וואס ער פירט אָן אלס פירער פון דער פראגרעסיווער פארטיי אין ישראל — געפינט דאך צייט זיך צו באטייליקן אין דער שמחה.

א פייערלעכע שטילקייט, וועלכע ווערט נאָר געשטערט דורך דעם פלאטערן פון די בלוי־ווייסע פענער, וועלכע זיינען אנגעצויגן אויף די שיין אויסגעשטעלטע פאראד־טויערן, וואס שטייען אין ביידע זייטן פון פלאץ, הערשט, ווען דער פרעזעס פון ארגון יוצאי נשלסק בישראל, ה׳ בנדט משה, גייט ארויף אויף דער בינע און הויבט אָן איינלאדן די פארשטייער פון די פארשידענע אינסטיטוציעס צום פרעזידיום־טיש. אויף דער ביטע פון פארזיצער באערן די פארזאמלטע מיט אויפשטיין פון די פלעצער דעם אנדענק פון די געפאלענע און אומגעקומענע דורך די נאצי־בעסטיעס נאַשעלסקער יידן. אין זיין דערעפנונגס־רעדע באגריסט ה׳ בנדט ווארעם אונזערע ברידער אין אמעריקא פאר זייער ווארעמער און ברידערליכער פאַראינטערעסירונג מיט די נאַשעלסקער אין ישראל.

מיט הילכיקע אפלאדיסמענטן ווערט אויפגענומען די מעלדונג, אז די צוקונפטיקע יערליכע לאנדעס־קאנפערענץ פון דער נאשעלסקער לאנדסמאנשאפט אין אמעריקא וועט פאַרקומען אין ישראל.

אין נאָמען פון די איינוווינער פון שיכון באגריסט הער שניידערמאן, וועלכער דאנקט דעם ה׳ בן־דעת פאר זיין איבערגעבנקייט פאר די ענינים פון די איינוווינער.



עס באגריסן צפורה גוזיק אין נאָמען פון פרויען־קאָמיטעט. ה׳ ישראל יאגודה דערמאנט אין זיין באגריסונג די וואקלענישן אין די פערהאנדלונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען, איידער עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס פון אויפשטעלן דעם קולטור־צענטער, און בעט דעם ה׳ בן־דעת איבערגעבן אונזערע נאַשעלסקער אין אַמעריקאַ אַ וואַרימען ברידערליכן גרוס און דאנק פאר זייער ארבעט לטובת די נאַשעלסקער אין ישראל.

אין נאָמען פון שול־קאָמיטעט באגריסט ה׳ בזוזה יוסף, וועלכער דערמאנט דאס לייגן דעם גרונדשטיין צו דער גרויסער שול אין נאשעלסק, ווען אונזערע מוטערס האבן פון זיך אראפגענומען זייער צירונג און אריינגעווארפן אין ווינקלשטיין־גרוב. עס באגריסט דער רב פון קרית־אונו, וועלכער באטאנט דעם ספעציעלן זכות, וואס עס האבן די נאשעלסקער, וועלכע שטעלן אויף די ערשטע שול אין קרית־אונו.

דער פארזיצער פון געמיינדע־ראט, ה׳ כהן, באטאָנט די פארשידנארטיקייט פון דער באַפעלקערונג אין קרית־אונו, ווו זייט ביי זייט לעבן זיך אויס יידן פון תימן, פוילן, איראק, מצרים, רומעניע, קאנאדע און דרום־אפריקא. דער נאשעלסקער שיכון, זאגט ער, האט זיך נאַטירלעך איינגעוועבט אין דער געמיינדע און בילדעט א וויכטיק רינגעלע אין דער קייט, וואס הייסט קרית־אונו.

עס באַגריסט ה׳ בודיניאַ יוסף אין נאָמען פון דער גמילות־חסד קאַסע, וועלכער בעט דעם ה׳ בן־דעת צו פארשטארקן זיינע באמיאונגען פאר פארגרעסערן די גמילות־חסד קאסע וואס העלפט ארויס יעדן נאשעלסקער מיט קליינע פראצענטלאזע הלואות.

עס באגריסן נאָך פארשטייער פון ארגון יוצאי נובידבור, בזזין און פארשטייער פון אנדערע אינסטיטוציעס.

דאָן ווערן געליינט טעלעגראמעס דורך דעם חבר הועד ה׳ בזוזה אברהם פון נשיא המדינה ה׳ יצחק בן־צבי, פרעמיער און אויסערן־מיניסטער ה׳ משה שרת, רעליגיע־מיניסטער ה׳ משה שפירא, קולטור און בילדונגס־מיניסטער ה׳ בן־ציון דינור, וועלכע ענטשולדיגן זיך, אַז צוליב רעגירונגס־ענינים, אין וועלכע זיי זיינען פאַרנומען קענען זיי נישט אנטיילנעמען פערזענליך אין דער פייערונג און ווינשן גליק און דערפאלג אין דער ארבעט פון אויפשטעלן קולטור־הייזער אין ישראל.

מיט אַפּלאַדיסמענטן ווערן געלעזן די טעלעגראַמען פון פרעזידענט אברהם קאָרן ה׳ זילבערשטיין ענגלאַנד אַרגענטינאַ.

דאַן באגריסט דער פארשטייער פון חברת „רסקו”, חבר הכנסת ד״ר פרדר, וועלכער דריקט אויס זיין פרייד פון טיפן הארצן, וואס ער האָט זוכה געווען נאָר מיט א קורצער צייט צוריק זיך צו באטייליקן אין דער חנוכת־הבית פייערונג פון שיכון און שוין הײַנט אין א צווייטער פייערונג, וועלכע איז א בעווייז פון טרייע און דינאמישע ארבעט פון די נאשעלסקער אין אמעריקא און פון די, וואס זיינען אויפן פלאץ. ספעציעל, זאָגט ער, דארפן די נאשעלסקער שטאָלץ זיין מיט אזא מענטשן, ווי ה׳ בן־דעת בנימין, וועלכער איז אליין איניציאטאר און פארווירקלעכער פון די פלענער, וואס ער איניצירט.

צום לעצט באקומט דאס וואָרט ה׳ בן־דעת בנימין, וועלכער ווערט אויפגענומען מיט שטורמישע אפלאדיסמענטן דורך אלע פארזאמלטע. ה׳ בן־דעת זאָגט אין זיין רעדע, אז ער איז גליקליך זיך צו געפינען דאָ אויף דער פייערונג, וועלכע איז א סימבאל פון שעפערישער טעטיקייט און ווילן. „איך בין שטאָלץ” — זאָגט ה׳ בן־דעת — „וואס איך האב א חלק אין אויפשטעלן די הייזער, וואס עס שטייען דאָ ארום, און שאפן אהיים פאר נאשעלסקער יידן, וועלכע האבן אזוי טראגיש זייער היים פארלאָרן, איצט ווערט דאס ווערק דערגענצט דורך שאפן א קולטור און רעליגיע צענטער.

דאַן ווערט דורך דעם פארזיצער געלייענט די מגילת־היסוד (פונדאמענט־שריפט).

מיט ארייַנוואַרפן די ערשטע קעלנע בעטאָן אין דעם ווינקל־גרוב ווערןבאערט דער ה׳ בן־דעת און פרוי און דאַן אנדערע חשובע



ארגון יוצאי נשלסק בישראל

מגילת יסוד

ביום הנחת יסודות לבנין בית הכנסת בית עם
גן ילדים בשיכון נחלת נשלסק בקרית-אונו אשר
במדינת ישראל

היום יום א פרשת חקת כט סיון שנת תשט"ו
19 ביוני 1955 חמשת אלפים שבע מאות וחמש עשרה
שנה לבריאת העולם (5715)

לאחר סערת הדמים שעברה על עירנו נשלסק
אשר בידי מרצחים נאצים נרצחו כל תושביה היהודים
החריבו את בתי הכנסת, מעונות הרבנות.

התקבצו שרידי השואה בני עירנו בארץ הקדושה
במדינת ישראל החפשית והעצמאית.

ובשמוע את השבר הגדול שקרה לנו החישו אחינו
מעבר לים ובמארה"ב והושיטו יד אחים ועזרה.

בנו בתים למחוסרי קורת גג, וביום זה מניחים
יסודות לבנייני קודש ומוסדות לתושבי נחלת נשלסק
אשר בקרית-אונו במדינת ישראל לזכר קדושי
בני עירנו.

ביום זה נזכיר את חסד אחינו במארה"ב ושליחיהם
באהבה ובהוקרה.

יום א' כ"ט סיון תשט"ו

קרית-אונו
נחלת נשלסק
מדינת ישראל
הועד

אורח מארה"ב יו"ר
נשיא כבוד
(בן-דת) בנימין

בנדט משה
שניידרמן יעקב
פינקלשטיין משה
בוזה יוסף
טשמוביץ יחזקאל
בוזה אברהם
גוזיק צפורה
אובשנקו משה
הלבורד זאב

איינגעלאדענע געסט.

מיט שפילן די „התקוה" דורך דעם ראדיא־הילכער, וועלכער געפינט זיך אויפן פלאץ, ווערט געשלאסן די אפיציעלע טייל פון דער פייערונג, איבערלאזנדיק א טיפן איינדרוק אויף אלע פארזאמלטע.

דאן ווערט געעפנט דער בופעט פון קאלטע געטראנקען און לייכט געבעקס, וואס געפינט זיך אויפן פלאץ.

צום סוף ווערן געוויזן קורצע פילמען. צוו. א. „בן־גוריון אין לאס־אנדזשעלעס", די חנוכת־הבית פייערונג פון שיכון נחלת נשלסק אין קרית אונו.

דער פארלויף פון דער פייערונג איז פאר־אייביקט געווארן אויף א פילם־טאשמע.

פארצייכנט
דורך מ.פ.

יוסף אדאניילו

# „גמילות חסדים אחיעזר"

ווען איך נעם זיך שרייבן וועגן גמילת חסדים, טו איך מיך ערמאנערן אין מיין היים און אין מיין יוגנט יארן. נאך אלס קינד פלעג איך זען ביי מיין גאטזעליג פאטער ז"ל א בוך אין וועלכן עס איז פארשריבן געווארן טאג־טעגליך פרישע גמילת־חסדים, וועלכע מיין פאטער עליו השלום האט געבארגט נויט־באדערפטיקע.

די דאזיקע זכרונות פון מיין קינדהייט זענען אזוי פארקריצט אין מיין זכרון, אז אויך היינט טו איך מיט א ספעציעלע ליבשאפט און איבערגעגעבנהייט די ארבייט אין אונזער „אחיעזר". און בכלל איז גמילת־חסדים פון שטענדיק אן געווען גערעכנט ביי יידן ווי א דערהויבענע עטישע אייגנשאפט, ווייל זי געהערט צו די הילף וואס ווערט געטאן נישט על מנת לקבל פרס, נאר בלויז דער ווילן צו העלפן דעם צווייטן. לאמיר מאכן א קליינעם איבערבליק איבער אונזער גמילת־חסדים קאסע „אחיעזר".

איך גלויב אז פיל פון אונזערע נאשעלסקער ברידער און שוועסטער געדענקען גוט די גרינדונג פון די ערשטע „אחיעזר" אין נאשעלסק. דאס איז געשען מיט די איניציאטיוו פון די פאמיליע צערקאוו פון לאנדאן.

ריכטיג איז אז זי איז געווען אין קליינעם פארנעם, אבער דאך האט זי באוויזן צו העלפן אין א שווערע נויט א נויטבאדערפטיקן קליינהענדלער, בעל־מלאכה און יעדע פאמיליע וועלכע האט זיך געפונען אין א שווערע לאגע.

די גרויזאמע בארבארישע קריג, וועלכע האט פארניכטעט דאס פוילישע יידנטום, האט אויך נישט אויסגעמיטן נאשעלסק, ווי די מענשן מיט אלע וווילטעטיגע אינסטיטוציעס זענען פארניכטעט געווארן.

מיר נאשעלסקער, וועלכע געפינען זיך אין ארץ־ישראל פיל יארן פאר די היטלער קריג, האבן אויך געזען די נויטווענדיקייט נאך די קריג אויפצושטעלן א שטארקן ארגון און גמילת חסדים קאסע וועלכע זאל קענען העלפן מיט הלוואות די שרידי השואה וועלכע האבן געדארפט קומען אין לאנד אריין. איך געדענק ווי מיר האבן זיך גענומען ארגאניזירן א קאסע נאך צוזאמען מיט אונזער עלטסטן חבר לייבוש אובשאנקע ז"ל. אבער דאן זענען אונזערע מעגליכקייטן געווען מינימאלע און מיר האבן נישט געקענט דאס פארטזעצן.

ערשט אין 1950, ווען עס האבן אונז באזוכט אונזערע ברידער און שוועסטער פון אמעריקע און זיי האבן אונז אריינגעגעבן דעם מוט און גלויבן, ווייל זייער קאנקרעטע הילף איז געווען ממשותדיק, און מיט די באנייאונג פון ארגון מיט זיינע שיינע פלענער פון בויען און שאפן איז אויפגעשטאנען תחית־המתים אויך די גמילת־חסד „אחיעזר".

אין די זעלבע צייט האט דאן באזוכט אין ישראל די פאמיליע צערקאוו פון לאנדאן. טרעפנדיק אפעסט ארגאניזירטן ארגון און די גרויסער הילף פון אונזערע אמעריקאנער נאשעלסקער ברידער, איז זי געווען פול מיט פרייד וואס עס וועט ענטשטיין די נייע־אלטע „אחיעזר" און אויך דערלאנגט זייער הילף צו איר באנייאונג. ביי היינט צו טאג איז 80% געלדער אין „אחיעזר" געגעבן געווארן דורך אינזערע אמעריקאנער ברידער און די רעשט דורך לאנדאן און ארגענטינע. קופת „אחיעזר" איז געווארן א וויכטיגער פאקטאר צווישן די נאשעלסקער אין ישראל. הונדערטע פאמיליעס העלפן זיך אין א שווערע צייט מיט אן־פראצענטיקע הלוואה. עס איז ווערט צו דערמאנען אויך די איבערגעגעבענע מסירות'דיקע ארבייט פון

די חברים פון די קאסע וועלכע שענקען אוועק פיל פרייע צייט פאר דעם הייליג צוועק נישט נעמענדיק קיין באלוינונג. נישט איינמאל איז פארגעלעגט געווארן צו נעמען א בוכהאלטער פאר לוין וועלכער וועט ארבייטן פאר די קאסע. דער געזונטער אינסטינקט פון ארגון האט זיך געגנגעשטעלט די פארשלאגן, ווייל זי האט געהאלטן דאס פאר גמילתחסדים, מוז מען ארבייטן מיט גוטן ווילן, מיט הארץ און בישט פאר געלט.

היינט צו די קאנפערענץ פון אמעריקאנער ברידער אין ישראל, דריק איך אויס אין מיין נאמען און אין נאמען פון אלע חברים און אלע נאשעלסקער אין ישראל און דערהויפט אין נאמען פון די הונדערטער וועלכע האבן באקומען הלוואות און זיך געהאלפן דורך דעם, אונזער הארציקסטע דאנקבארקייט פאר אייער איבערגעבענהייט צו דעם ווערק. זייט וויסן אז איר ווערט געשעצט דורך אונז אלעמען פאר אייערע הילף.

איך דענק דאס אין דעם טאג דארפן מיר שיקן אונזער דאנק צו די אלע וועלכע האבן געגעבן א האנד צו די גמילת־חסדים קאסע „אחיעזר”.

זאל אחיעזר זיין גרויס און זיך פארדאפלען אין צאל און זי זאל זיין צום גוטס פון אלע נאשעלסקער אין ישראל.

יישר כוחכם ברידער פון אמעריקע.

צו די חתונה
פון אונזער ברודער און שוואגער

גדליהו רוטשטיין

וועלכע איז פארגעקומען — 5.1.56 אין ארגענטינא

**אַ גליקליך צוזאַמענלעבן**

צפורה, שלמה, גוזיק
חיה, משה, שולמית, יוסי,
רחל, מאיר און יאיר

צום פרעזידענט און אלע אקטיווע טוער פון דעם פעראייניקטן נאשעלסקער לאנדסמאנשאפטס ארגאניזאציע אין די פעראייניקטע-שטאטן און צו אלע לאנדסלייט.

די טיפסטע אנערקענונג פאר אייער שאפונג אין אויפשטעלן דעם קולטור צענטער, בית הכנסת, קינדער גארטן אין נחלת נשלסק, אין קרית אונו, אין מדינת ישראל.

ארגון יוצאי נשלסק בישראל

הנהלת גמילת-חסד „אחיעזר”

ועדת נשים

ועד בית הכנסת

משתכני קרית אונו



# בעריכט פון די טעטיקייט פון די גמילותחסד קאסע „אחיעזר”ביים נאשעלסקער ארגון, ביז 1.3.56

